# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת־ישראל אין פּוילן

רעדאַקטירט דורך א. ג. פרידנזאָן

לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | ב״ה כסלו תרצ״ט | נומער 152 | זעכצנטער יאָר־גאַנג


במשך דעם היינטיקן חודש מוז אין יעדן אָרט מיטן גרעסטן דערפאָלג דורכגעפירט זיין די תרומת־חברה־אַקציע אויפן יאָר צ״ט

# פאַר דער אַנטשיידונג

א וואולקאַן האָט אויסגעבראָכן אין אייראָפּע, און עס ציטערט די ערד... די גיוועזענע מדינה פון קולטור, פון ציוויליזאַציע, פון וויסנשאַפט און קונסט. די גיוועזענע מדינה־ביז מענטשן, איז פאַרשלונגען גיוואָרן דורך די גרויזאַמע לאַווע פון רשעות, פון שלאַנג[illegible]. וועלכע האָבן איר פאַרפליצט פון אַלע זייטן...

אויף דעם גרויסן חורבן פון קולטור און ציוויליזאַציע, איז צוריק אויפגעשטאַנען צום לעבן די ווילדע מערדעריי־קאַמפּאַניע פון אכזריות. דאָס פאַר טויזנט יעריקע גערמאַניע מיט זיינע פון רציחה פאַרגאָסענע אויגן, די ברוטאַלסטע, די אומהיטיקסטע פון דער חיות־וועלט, די מאַלפּע, וועלכע שטאַמט פון דער מענטשלעכער ראַסע...

ס׳האָט אַרויסגעשטעקט איר טויטן־קאָפּ פון אירע פינצטערע לעכער, פון איר אַלטן, לאַנג פאַרגעסענעם קבר די אור־ווילדע אָריגינעלע רשעות, כדי נאָך אַמאָל אַ קוק צו טון אויף דער ליכטיקער־וועלט, איידער זי וועט פאַר־שוואונדן ווערן אויף אייביק, כדי נאָך איין מאָל „אויף אַ גיזעגענונג“ אָפּצו־טאַנצן איר העסלעכן און אומהיטיקן משוגעים־טאַנץ, דעם טאַנץ פון מאָרד און רויב און סאַדיסטישע עינויים און אויסלאַכן און באַשפּייען די מאַיעס־טעט פון דעם צלם האנושי, איידער עס לויפט אָן איר לעצטער טאָג, איר בייזער שוואַרצער סוף...

עס קומט אָן, עס דערנענטערט זיך איר לעצטער טאָג! עס וואַרפט אָן אויף איר זיין נאָענטקייט אַ ווילדע טויט־שרעק! און ווילד־משוגע פון שרעק איז איר באַפאַלן אַ שרעקלעכע פוריע, און זי איז אויפגעשפּרונגען צו איר לעצטן פאַרצווייפלטן קאַמף, קיינן מענטשלעכקייט אין מענטש און קיינן מענטשן, כדי איינער פון די ביידע אייביק זיך באַקעמפנדיקע כוחות, ליכט און פינצטערניש, זאָל ענדלעך פאַלן, אויסהויכן זיין נשמה אויף אייביק, אַזוי וועט עס אויך מוזן גישען...

פון וואַנען דען האָט עס גיקענט קומען אַזאַ מיאוסע פאַרשעמונג איבער דעם גאַנצן מין האנושי? פון וואַנען — אַזאַ פאַרשטומעניש פון גיוויסן און אַזוי פיל, אַזוי פיל הערצער, וועלכע רופן זיך אָן מענטשלעכע הערצער?! פון וואַנען אַזאַ ביטערע, דורך קיינעם נישט גיאַנטע מפּלה פון דעם כבוד פון דער קרוין פון דעם ערד־קויל, די גרויסע מיוחסדיקע אייראָפּע, פון דעם כבוד פון אַלע אירע דערגרייכונגען, ווערטן, שיינע מאַניערן? פון וואַנען אַזאַ ווילדער שפּיי אין פּנים אַלע איידעלע גייסטער פון דער מענטש־הייט און דער גאַנצער מענטשלעכער גישיכטע, — אויב נישט וויל עס האָט אויפגיבליצט און זיך צופלאַקערט דער העלישער פייער פון רשעות

מיט דער גרעסטער קראַפט.—שטייענדיק אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג, פון איר אַנטגילטיקן שוואַרצן סוף?...

דאָס איז דער גרויסער, דראַמאַטישער גיראַנגל פון אחרית הימים!

עס האָבן די בייזע פינצטערע כוחות אינסטינקטיוו דערפילט זייער נאָענטן סוף [illegible] די שיף־שרצים אַ נאָענטע גיפאַר, אַ קאַטאַסטראָפע... און ווער ס׳האָט אויגן צו זען און אויערן צו הערן, איז נישט פאַרבלענט און פאַרטויבט פון דעם גרויסן שטורים וועלכער גייט איבער וועלט און מענטש, דערזעט און הערט אַז עס גישען פאַר אונדזערע אויגן גרויסע זאַכן; די נביאות פון די חכמי הגמרא אויף דעם אחרית הימים ווערן אויס גיקריצט אויף דער גישיכטע פון אונדזערע טעג...

דאָ שפּילט זיך אָפּ די מלחמה לד׳ בעמלק! עמלק מאָרדיט, עמלק פּייניגט, עמלק רויבט, ברענט און פאַרניכטעט — בחר לך אנשים וצא הלחם בעמלק!... דאָס איז דיין מעכטיק גיווער אין דעם גרויסן קאַמף!

עמלק ברענט בתי־כנסיות און בתי־מדרשות. ער האָט שוין אַמאָל אויך פאַרברענט דעם בית־המקדש, ירושלים אין חורבות פאַרוואַנדלט, אָבער אונדז, דאָס אייביקע פאָלק פון ג—ט, האָט ער נישט באַוויזן צו פאַרניכטן —ער האָט פאַרניכטעט ירושלים, און מיר האָבן גיענטפערט מיט אויפבויען יבנה! אַזוי מוז זיין אונדזער ענטפער אויך היינט! שטאַרקן און פעסטיקן אַלע אַנשטאַלטן אין וועלכע עס ווערט גיפלעגט דער קיום פון רוח ישראל סבא! בויען און אויפהאַלטן מיט אַלע אונדזערע כוחות אונדזערע חינוך־פעסטונגען, וואַרפן אין קאַמף אונדזער אומבאַזיגבאַר גיווער, אונדזער גייסט, דער גייסט פון דער תורה, פון צדק ומשפט, דאָס גרויסע גיווער דורך וועלכן ס׳וועט פאַלן און אומקומען און אויף אייביק פאַרשווינדן די ממשלת זדון מן הארץ!...

טויבע, הערט! בלינדע, עפנט אויף אייערע אויגן און זעט! עס גייט אַ חורבן אויף די כוחות, עס גייט אַ טויט אויפן טויט, עס דערנענטערט זיך דער לעצטער טאָג פון דער רשעות אויף דער וועלט!...

**עס קומט דאָס לעצטע, אַנטשיידנדיקע וואָרט פון דעם שופט כל הארץ, זיין לעצטער, אַנטגילטיקער חשבון מיט דער רשעות, מיט דער גימיינקייט און נידערטרעכ־טיקייט אויף דער ערד, פאַר איר שוואַרצן פינצטערן סוף!...**

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

BAJS JAKOW | ŁÓDŹ, Grudzien 1938 r. | zeszyt 152

Adres Redakcji: „BAJS JAKOW“ Łódź, Kilinskiego 44. Telefon: 109-77. P. K. O. 602.295.

## ערשטע מוסטער
דערציאונגס-היים פאר תורה און יהדות

# „תרביצא“
## אטוואצק-שרודבארוב

צום נייען שול יאָר איז דערעפנט געוואָרן אין איינע פון די שענסטע ווילעס אין לופט קור-אָרט

**אטוואצק - שרודבארוב**

אין איינינעם פראכט בנין

**דער ערשטער גישלאָסענער דערציאונגס-היים**
פאר תורה און יהדות (צוזאמען מיט א האנדלס-גימנאז. קורס)

**מיט א ערשטקלאסיקן אינטערנאט**
פאר תלמידים פון מיטעלן שול עלטער פון 13 ביז 15 יאָר

— אונטער דער לייטונג פון —

## הרב ר' שלום לעווין

**עס ווערן נאך אנגינומען תלמידים אין א באגרעניצטע צאָל**

אויפן פאַרלאַנג שיקן מיר אַרויס אויספירלעכע פּראָספּעקטן

אדרעס: Osiedle wychowawcze „TARBICO“
OTWOCK-SRODBOROW, Wierzbowa 1 tel. 55-53

באמערק.: עס ווערן אָנגענומען נאָר פולשטענדיג גיזונטע קינדער

---

אײנציקע יידישע רעליג. קינדער-סאנאטאריע

# „יהודית“ א. ג.
## אין דלוגאשאדלע

די גיזעלשאפט „יהודית“ מאַכט באַקאַנט, אז כ"ח תשרי (ד. 23-טן אקטאבער ה. י) איז גיעפנט גיוואָרן די אײנציקע יידיש-רעליגיעזע קינדער סאנאטאריע

**„יהודית“ אין דלוגאשאַדלע**

דאָס סאַנאַטאַריום גיפונט זיך אין אַן ערשטקלאסיקער קלימאַטישער וואַלד-געגנט, אין אַן איינינעם ספּעציעל צוגיפאסטן און מאָדערנעם בנין פאַרזעען מיט אַלע נויטיקע מעדיצינישע, דענטיסטישע און היגיענישע איינריכטונגען.

די קינדער גיפונין זיך אונטער דער שטענדיקער אויפזיכט פון ערשטקלאסיקע מעדיצינישע, היגיענישע און פעדאגאגישע קרעפטן.

עס ווערן אָנגינומען אָפּגישוואַכטע קינדער, אַנעמישע און רעקאנוואַלעסצענטן, יינגלעך און מיידלעך פון 6—18 יאָר, וואָס נייטיקן זיך אין רו, לופט און ערהאָלונג

אײנשרייבונגען קומען פאר טעגליך אין קאנצעלאַריע פון גיזעלש. „יהודית“ נאַלעווקי 37 וו. 14 טעל. 11-19-78 פון 10 – 2 נ"מ, וואו עס ווערן אויך ערטיילט אַלערליי אינפאָרמאַציעס.

פאר אונפאַרמעגליכע — הנחות

---

צו די תנאים פון חברה יוטא בוזין מיט ה' פרענקל (קאליש) און צו דער חתונה פון דער איבאלויגנס-מיטגלידערן, דער אקטיווער בנות' חברה פרל. **מרים הייבסדארף** מיט ה' אלי' **קאָט** ווינטשן מיר פיל גליק און צופרידנהייט.

קאושמינעק **בנות אגודת ישראל**

**חיה ברוין און שוועסטערן קאט**

---

א כוס פיל מיט ברכות און מזל-טוב וואונטשן פרעגן מיר אנטקיינן די פיאנערן פון בתיה-פאַרבאַנד לאנג-יעריקע פאַרזיצענדערן, אומדערמידלעכע שטאלצע קעמפערן פאר אונזער הייליקער אידישע פרל. **דינה קלאַשער** צו איר חתונה מיט ה' **יצחק גראוכער** (ווארשע). זאל השי"ת געבן אז אייער בונד זאל זיין א קשר של קיימא.

וואַרשע **בתי'-פאַרבאַנד**
**די פירערשאַפט**

---

דעם הארציקסטן דאנק דריקן מיר אויס אונזער גיוו. לערערן **שרה קלייבעס** פאר איר סעטיקייט און פרוכטבארער ארבייט אין דער ב"י-שול ווי אויך פאר אונדזער בנות-ארגאניזאציע.

בעריסלאַוו **בנות-אגודת-ישראל**

---

אהובתי **בתי' עפשטיין** לנשואיך את הרב מר **דוד בענדער** מנוי-יארק לך שלוחה ברכתי החמה והלבבית.

בריסק **ליפשא סולוביציק**

---

א הארציקן מזל-טוב ווינטש איך פרל **העגדל באַקאלאַוש** (שאַראדז) צו איר תנאים מיט ה' **יצחק מאיר שלאַמאָוויטש** (זעלגוו). אייער מזל זאל שיינין כשמש בצהרים.

זעלגוו **שפרה רבקה יאכלאייטש**

---

דעם טיפסטן מיטגיפיל דריקן מיר אויס די פאַמיליע **גאלדשטויב** צום פליצ'נקן און פריצייטיקן טויט פון זייער גיליבטער טאכטער **חנה ע"ה**. דעם איינציקן טרייסט זאָלט איר גיפינין אין די ווערטער: צדיק ה' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו כי הוא שופט צדק.

וואַרשע **בתי'-פאַרבאַנד**
**בנ"ת-אגודת-ישראל**
**די פירערשאַפט**

---

טיף דערשיטערט באַווײנען מיר דעם פלוצלונגין טויט פון ר' **מאיר הערש ציטרינאַווסקי** ע"ה און דריקן אויס דעם טיפסטן מיטגיפיל אונדזער ליבער איבערגעגעבענער פירערן, זיין טאכטער, **יוטקע ציטרינאַווסקא**. דעם איינציקן טרייסט זאל זי גיפינין אין די ווערטער: צדיק ה' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו, כי הוא שופט צדק.

לאדזש **דיין גרופע „עולות“**

---

## דאַנקזאַגונג

אַ גאַר האַרציקן יישר-כוח דריקן מיר אויס אונדזער ה. גיליבטע און פאַרדינסטפולע לערערן פרל. **ג. לויפער** (פשעמישל-קראָקע) פאַר דער לייטונג מיט דער אָרגאַניזירטער קאלאניע אין שטשילקי-טאפאלניץ. דער גלענצנדער דערפאלג מיט וועלכן ס-האט זיך אויסגיצייכנט אייער ביז-איצטיקע אַרבייט, זאל אויך באַגלייטן אייערע אַלע אונטערנעמונגין.

די מיטבאַטייליקטע אין דער קאלאניע
**לאַנצוטער „בנות“-חברות**

---

## מאנאגראַפיע פון ערשטן קאצקער רבי זצ"ל

ס-איז דערשינין אַ ספר א. נ. „דער קאצקער רבי“, אדמו"ר ר' מנחם מענדל זצ"ל מאָרגנשטערן. זיין אָפּשטאַם, זיין לעבן, זיינע רביים און חברים, זיין שיכה אין תורה און חסידות, זיינע קינדער און קינדס-קינדער פון פ. ז. גליקסמאַן, לאדזש זאוואדזקא 16אַ.

דער פרייז 2 זל. פּאָרטאָ 25 גראָשן.

---

אין אַדמ. פון בית-יעקב-זשורנאַל איז צו באַקומען דאָס אינטערעסאַנטע וואָגיקע ווערק:

**„יידישקייט און וועלטישקייט“**
פון טאלאַנטירטן שריפטשטעלער
**י. ל. גערשט**

**מיט אַ הקדמה פון ר' יעקב ראזנהיים**

דאָס בוך איז אַ זאַמלונג פון טיפזיניקע עסייען איבער פּראָבלעמען פון סאָציאָלאָגיע, געשיכטע, קונסט, פילאָזאָפיע וכדומה. באַהאַנדלט אין ליכט פון אָריגינעלן יהדות-גייסט.

דער פרייז פון בוך שוין מיט פּאָרטאָ נאָר 1.50 זל. געלט פאָריאַוס.

מיט באַשטעלונגין זיך צו ווענדן:
Adm. Bajs Jakow konto rozrachunkowe 15 Łódź, Kilińskiego 44.

---

## אַרבייטס-פאַרמיטלונגס-ביוראָ
## ביי בנות אגודת ישראל
### אין וואַרשע

ס איז גיעפנט גיוואָרן די אַרבייטס-פאַרמיטלונגס-ביוראָ ביי בנות-אגודת-ישראל אין וואַרשע. זי נעמט אַרום פאַרזאָרגן אַלע גיביטן פון אַרבייט, פאַרשידינע פאַכן ווי אויך בוכהאַלטעריע קאָנדוציע, קאָרעפּעטיציעס א.א.וו.

נאך אינפאָרמאַציעס וועגן אַרבייט קענין זיך אויך ווענדן פראָווינצער בנות-חברות ביילייגנדיק אַ פּאָסט-מאַרקע.

די ביוראָ איז טעטיק יעדן אָוונט פון 7—10 אויף פל. גזשיבאָווסקי 7 אין לאָקאַל פון דער בית-יעקב-שול.

אַדרעס פאַר קאָרעספּאָנדענץ:

Szkoła Bajs Jakow Warszawa
Pl. Grzybowski 7 dla „Bnos“.

גענעצט ביי מ. ליבעסקינד, לאדזש שרודמיעסקע 31

Red. odp. Łuzer Gerzon Frydenzon Nakł. Centr. (B. A. I.) Agudan Isroel w Polsce.

Druk. J. Djament Łódź, Kilińskiego 63. Tel 188-76.